## קאמיטעט צו זאמלען מאטעריאלן וועגן יידישן חורבן אין פוילן 1939.

---

| ב י ו ל ע ט ע ן | נומער 3 | 15 דעצעמבער 1939 |
|---|---|---|

---

(אלע מאטעריאלן, וואס וועלן פארעפנטלעכט
ווערן אין די ביולעטענס פון אונדזער
[illegible] זענען געזאמלט געווארן דורך
פאראנטווארטלעכע געזעלשאפטלעכע טוער,
פארשריבן אויסן מויל פון גלויבווירדיקע
ערציילער און שטרענג קאנטראלירט).

### ב ײ   ד י   ג ר ע נ י צ ן

כדי דעם לייענער זאל זיין פארשטענדלעך, וואס ווערט דא ווייטער דערציילט, איז פאר אים נייטיק צו געדענקען אט וואס:

ג ר ע נ י צ ן  זענען געווען פארשידנארטיקע:

די דייטשן האבן זיך מיט אימפעט גערוקט פאראויס, אבער שפעטער פון א סך פונקטן זיך צוריק געצויגן, כדי אריינצולאזן אהין די רוסן. געווען ווידער פאלן - פארקערטע: די רוסן האבן פארנומען א פונקט, און אים שפעטער אפגעגעבן די דייטשן.

ווייטער, עס זענען געווען אזעלכע פאלן: די דייטשן האבן פארנומען א פונקט, געלאזט די יידן צורו, אוועק ווייטער: שפעטער ערשט האבן זיי זיך אומגעקערט, און ארויסגעטריבן אלע יידן פון שטעטל, - אוועקגעשלעפט זיי צו דער ניי-געבילדעטער גרעניץ מיט ראטנפארבאנד.

אין די אלע פאלן האבן יידן געליטן פריער איין מאל און שפעטער א צווייט מאל, אמאל ריכטנדיק זיך אויף די אומגליקן וואס דערווארטן זיי, און אמאל גאר אומגעריכט.

נאך איינס: אפילו ווען די גרעניצן האבן זיך שוין סטאביליזירט, האט אבער דער שטראם פון יידן אלץ נישט אויפגעהערט פון ווארשע, לאדזש, לפטל, האט דער דאזיקער

ספראם נישט אויפגעהערט ביז היינטיקן טאג, שוין צוויי חדשים נאכן פעסטשטעלן די גרענעץ צווישן דייטשן און רוסן. יידן "גנבענען" די גרענעץ, טרעפן זיך אן אויף דייטשע וואכן, און ליידן פון זיי אן א סוף.

אט די אלע יסורים - פון מלחמה-טעג און פון נאך-מלחמה-צייטן - שפיגלען זיך אפ גאר אין א געוויסער מאס אויף די וויפערדיקע בלעטלעך. עס ווערן דא אויך געשילדערט די איבערלעבענישן פון די געפייניקטע אין די ציטעריקע לאגערן און זאמלפונקטן, וואס דאס פלעגט געוויינלעך זיין דער "פרוזדור" צום אמתן גהינום - אויף דער גרענעץ.

"<u>ביי די גרענעצן</u>" - איז, נאכן, א ברייטע טעמע, וועלכע נעמט ארום א ים מיט ליידן און בלוטפארגיסונגען, באליידיקונגען און דערנידעריקונגען.

מיר געבן דאס ווארט - די געליטענע אליין.

\- - - - - - -

\- - - - - -

\- - - - -

\- - -

\-

## ש.ע.פ.ס (שערפץ)
(קרייז-שטאט אין פלאצקער געגנט)

פרייטאג דעם 8-טן סעפטעמבער 1939 זענען די דייטשן אהיין אריין. די ערשטע טעג האט זיך דאס דייטשע מיליטער באצויגן צו יידן גאנץ העפלעך: די דייטשן זענען נישט געווען זיכער, צי זיי בלייבן דא, אדער ש ע פ ס וועט געהערן צו די רוסן. זייער גיך האט זיך געענדערט די באציאונג, עס האט זיך אנגעהויבן די סדרה כאפן אויף ארבעט און שניידן בערד. וועגן דעם וועלן מיר דערציילן אן אנדערש מאל. דאס מאל איז דאך אונדזער טעמע - <u>די גרענעץ</u>, איז אט ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען אין ש ע פ ס.

אין מאל דערהערט זיך אויפן ארבעטס-פלאץ א קאמאנדע: "אויפהערן ארבעטן!"

דער עולם האט געמיינט - מ'גייט אהיים.

מע האט אלע צוגעפירט צו דער קאנצעלאריע פון געסטאפא, און דא אלעמען אויפגעפרעגט: ווער איז פארהייראט?

עס האבן זיך אפגעטיילט 52 בחורים, געבליבן שטיין.

דערציילט אונדז וועגן דעם מאמענט דער קאמאשנמאכער י.ג.ד.:

ס׳נעמט א געסטאפא-מאן ארויס א דעקלעראציע און לייענט:

״דא איז דייטשלאנד [איך, יודע, שרייב זיך אונטער, אז איך מוז פארלאזן די דייטשע טעריטאריע״.

נאך אמאל אויסגעשריגן: ״איך פארלאז פ ר ײ װ י ל י ק די דייטשע טעריטאריע. און שפעטער קום איך צוריק - וועט מען מיך שיסן״.

האט איינער געזאגט: ער איז קראנק, ער האט א קראנק הארץ. האט מען אים געשלאגן מיט דער ביקס, געזאגט: ד א ר ט וועסטו שוין ווערן אויס-געהיילט.

האבן אלע אונטערגעשריבן די דעקלאראציעס - אונטער די לעכער פון רעוואלווערן. יעדער האט באקומען א ברויט אין האנט אריין, מ׳האט אלעמען אויסגעשטעלט און אוועקגעפירט אין טורמע. אויפן וועג האבן די ייִדן געמוזט הויך זינגען, זיסט - געקראגן געשלאגן. מוטערס, ברידערלעך און שוועסטערלעך זענען נאכגעלאפן, אין שטעטל איז געווארן א יללה: מ׳שיקט אוועק די קינדער! אבער די דייטשן האבן געזעגענען זיך - נישט געלאזט. בלויז מיט די בליקן....

געקומען אין תפיסה, אלעמען אויסגעשטעלט, אריינגעפירט אין די צעלעס דורך א שמאלער טיר. פון ביידע זייטן זענען געשטאנען געסטאפא-לייט און שטארק געשלאגן אלעמען מיט די קאלבעס. אין די צעלעס האבן מיר געקלאגט, געוויינט, איינער דעם אנדערן געטרייסט: אפשר שיקט מען אונדז צו דער גרעניץ. א גאנצן טאג האבן מיר נישט געגעסן, אבער די געסטאפא האט אויך איצט געהייסן צעשניידן דעם ברויט, אבער נישט עסן - ״ביז אכט אוהר״. איינער פון אונדז האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געכאפט א שטיקל ברויט, האט דער געסטאפא-מאן דאס דערזען: ״ווער האט גענומען דאס שטיקל ברויט?״ - ער האט יענעם געשלאגן מיט א בייטש, געגעבן פעטש, און לסוף

צוגענומען ביי  א ל ע מ ע ן   דאס ברויט, און קיינער האט נישט געהאט וואס צו עסן - פאר א שטראף!

אינדערפרי האט מען ווייטער  אלעמען גענומען צו ארבעט - אין הויף, ביי די קלאזעטן אאז"וו.

אכט אינדערפרי האט מען ארויסגערופן אלעמען אין קארידאר, אפגעציילט צעלעכע און פופציק מאן, נישט קיין באווייבטע, און ארויסגעזעצט אלעמען אויף דריי לאסט-אויטאס - - - וווהין פירט מען אונדז? צום  הארשעווער פראנט?

געפארן צעלעכע שעה, געקומען צו __פ ו ל ט ו ס ק__. לעבן דער בריק, אויף יענער זייט __נ א ר ע וו__. געהייסן אלע ייִדן ארויסגיין, אויסגעשטעלט, פריער געהייסן אויסרייניקן די אויטאס, דערביי געשלאגן.

נאך דעם ווידער אמאל אונדז איבערגעלייענט די דעקלאראציע: "אט איז די גרעניץ פון דריטן רייך, דער נארעוו! ווער סיוועט קומען צוריק, וועט ווערן דערשאסן".

דאן האבן די דייטשן אריינגענומען קוילן אין די ביקסן, אפגעפאטאגראפירט אונדז און א קאמאנדע געגעבן: "לאז! שנעל לויפן! צעשייטן זיך!".

מיר זענען אלע אוועק אין וואלד.

פריער אפגעשטעמפט

אזוי האט זיך דאס דריטע  רייך געזעגנט ביי דער נארעוו-גרעניץ (מיט ס.ס.ס.ר.)
מיט די "נישט געוואונטשענע" עלעמענטן  פון __ש ע פ-ס__.

\- - - - -
\- - - -
\- - -
\- -

(__א ס ט ר א וו-מ א ז א וו צ ק י__)                                   (
(קרייז-שטאט אין ביאליסטאקער וואיעוודשאפט)

דעם 29-טן סעפטעמבער 1939 איז באזעצט געווארן! אסטראוו בלייבט ביים דייטש. די האלטונג פון דייטשן מיליטער איז געווארן הארטער, שטרענגער.

" - מאנטאג חול-המועד-סוכות, דעם 2-טן אקטאבער - דערציילט אונדז דער פירער פון דער ישיבה "בית יוסף", הרב __א.א.נ.__ - פארנאכט האט די

ציי.לע פיליץ מוזיע געווען, אז פאַרגן אכט פרי מוזן אלע זיין אויף די הייף; אויב ס'איז דאָ איינער א קראַנקער, וואָס קען נישט ארויסגיין, מוז מען מעלדן וועגן דעם פאַרויס. מ'האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט. געווען פאַרשידענע השערות: ס'איז א רעוויזיע אין די הייזער, מע זוכט געווער; מע וויל וויסן, וויפל פרעמדע ס'איז דאָ אין שטאָט.

עס איז געווען א רעגנדיקער טאָג. אלע האָבן זיך אנגעטאָן און ארויס אין די הייף. האַלב אכט האָט מען זיך דערוואוסט, אז עס איז א ג ז י ר ה אויף די פרעמדע (ד"ה אויף די יידישע פליטים אויס אנדערע שטעט): זיי מוזן תיכף ארויס פון שטאָט. - - -

אלע פרעמדע האָט מען צונויפגעקליבן אויפן ביים מאַרק-פּלאַץ. געווען דאָ דריי טויזנט מאַן - גרויסע און קליינע, יונגע און עלטערע מענטשן.---
אויפן מאַרק-פּלאַץ האָט אן עלטערער דייטשער אָפיציר, א מאַיאָר, געהאַלטן א קורצע רעדע: אלע פרעמדע יידן מוזן שנעל פאַרלאָזן די שטאָט...

ארום ניין - האַלב צען. דער רעגן האָט געגאָסן. האָט מען גענומען טרייבן אלע דריי טויזנט מאַן אויף זעקסבראָדער שאָסיי. אלע איבעריקע שאָסייען זענען געווען פאַרמאַכט. ס'איז געווען שווערלעך. מ'האָט נישט געלאָזט קיין זאַך מיטנעמען. דאָסיקע יד עס האָט געכאַפּט מיט זיך עפּעס א פּעקל, האָט מען עס ביי אים צוגענומען און געוואָרפן פאַר די קריסטן.

מ'האָט געשלאָגן אלטע לייט און פרויען - זיי זאָלן גיין שנעלער. פאַרביי אונזער שטוב איז דער דאָזיקער צוג געגאַנגען א דריי פערטל שעה.

די ארויסגעטריבענע האָבן זיך געבעטן: כאָטש א שטיקל ברויט מיטצונעמען פאַר די קליינע קינדער, אָבער מ'האָט נישט געלאָזט. ביי יעדן טויער איז געשטאַ-נען א זשאַנדאַרם, מ'זאָל חלילה זיך נישט פאַרהאַלטן, נישט געווען מעגלעך עמעצן עפּעס צו דערלאַנגען. דאָס געוויין פון די קינדער און אלטע לייט האָט געשפּאָלטן הימלען, פּשוט צעבראָכן די שטאָטישע איינוואוינער.

אזוי האָט מען געיאָגט די מענטשן זיבן - אכט קילאָמעטער, ביז צו דער נייער רוסישער גרענעץ.

די ארויסגעטריבענע האט מען ביי דער גרעניץ געשלאגן, רעווידירט, צעשניטן די פעקלעך (ביי וועמען מ'האט נאך אזוינע געפונען) - אפגעגעבן אלץ די קריסטן, און צוגענומען ביזן לעצטן גראשן.

פארשטייט זיך, אין א פאר טעג ארום איז געקומען די ריי אויך אויף די איבעריקע אלטגעזעסענע יידישע איינוואוינער פון אסטראוו-מאזאוויעצקי. די פייניקונגען און און קאנפיסקאציעס - האבן צוגעאיילט די זאך.

- די שטאט האט אנגעהויבן אפצושטארבן, - דערציילט אונדזער עדות, - במשך פון געציילטע טעג זענען אלע ארויסגעפארן. געבליבן נאר איינצלנע".

---

## וויסאקע-מאזאוועצקי

(קרייז-שטאט אין ביאליסטאקער וואיעוואדשאפט).

א העברעאישער לערער האט פון אנהויב מלחמה זיך אויסבאהאלטן פאר די באמבארדירונגען אין לאמזשע און שפעטער, דעם 9-טן סעפטעמבער, זיך אומגעקערט קיין וויסאקע, דערציילט אונדז:

- אין א געוויסן טאג האבן די דייטשן צונויפגענומען אלעמען פון שטעטל, יידן און קריסטן, געהאלטן זיי א פאר שעה אויפן אפענעם פלאץ, א שעה צייט געהייסן זיי שטיין - די הענט אין דער הויך; א שעה צייט - זיצן מיט די הענט צום הימל. געווען זענען דא איבער צוויי טויזנט מענטשן. מ'האט אנגעשטעלט אויף אונדז קוילנווארפערס, געדראט - אין א שעה ארום וועט מען אונדז אלעמען אויסשיסן. מ'האט אונדז אלעמען רעווידירט, צוגענומען אלץ.

א סך יידן האבן שוין געהאט אפגעזאגט ווידוי. דער דייטשער "שפרוך" איז געווען: "אלע יודען אויסשלאכטן! דרעק-יודען!"

אין עטלעכע שעה ארום, פארנאכטס, האט מען אלעמען אריינגעטריבן אין א קאסטעל און געהאלטן זיי דארט א פאר טעג אין שרעקלעכסטע באדינגונגען; אן עסן, נישט ארויסגעלאזט לצורך. ענדלעך, האט מען די ארעסטירטע אנגעהויבן גרופנווייז ארויס-לאזן, און אויף לאסט-אויטאס האט מען זיי ערגעץ אוועקגעפירט. די גרופע פון אונדזער עדות האט מען אוועקגעפירט אונטער א שטארקער וואך צום קיין זעמבראווע, וואוהין זיי זענען אנגעקומען פרייטאג פארנאכט דעם 15-טן סעפט. 1939.

דארט האט מען זיי געהאלטן אין די קעלערן פון די קאזארמעס - מידער ביי ווידערלעכע באדינגונגען. לסוף אנגעהויבן אויך פון דאנען זיי צו באפרייען. דערציילט ווען דעם דער דערמאנטער לערער אזוי:

- אויפן הויף האט מען אונדז היטער געשטויסן מיט די פיס, געשלאגן, אפ-געלאכט פון אונדז שטארק. מי האט אונדז איינגעשטעלט אין שורות און געצוואונגען יאגן, שטעלנדיק זעלנער אויף ~~[illegible]~~ פערד האבן אונדז געיאגט. פון פארנט און פון הינטן זענען געווען קוילנבארפערס.

אויפן וועג האבן פרויען אונדז געוואלט דערלאנגען ברויט, פרוכט, - האט מען אויסגעשאסן אין דער לופט, בישט צובעלאזט. מיר זענען געווען פאר-חלשט פון הונגער און מידקייט. איין פרעמדע פרוי האט זיך דערנענטערט צו אונדז, האט א זעלנער איבערגעקערט דאס גאנצע עסן, די פרוי צעקלאפט, צעהרגעט, זי איז קוים אוועק מיטן לעבן.

אונדז האט מען היטער געיאגט. איינער פון אונדזער גרופע איז געפאלן חלשות, איז צו א זעלנער פון דער וואך און האט אים דערשאסן. דאס איז געווען א זעמבראווער יא-פיצינער, א בוכהאלטער.

מיר זענען אלץ היטער געלאפן. גראד איז פארבייגעפארן א דייטשער לאסט-אויטא, האט זיך ארויסגעריסן פון אונדזער זייט דער בלוט-צעשלאגענער בחור באלאמוט (זיין פאטער רופט מען אברהם-משה קצב). און ער האט זיך ארונטערגעווארפן אונטער די רעדער. ער האט דערבאר באר געטשעפעט. איז צוגעגאנגען א זעלנער פון אונדזער וואך צום איבערגעפארענעם און אים דערשאסן.

אונדז האט מען געיאגט היטער. הינטער דער שטאט, פארבייגייענדיק א טייכל, האבן מיר געזען, ווי צוויי זעלנער פירן ארום משה גרו·שקע צום טייכל. דארט האט מען ~~אים~~ אים עטלעכע מאל אויסגעשאסן, און מיטן פוס - ארײַנגעשלידערט אין טייכל ארײַן.

<u>ביולעטען נומער 3, 51-טער דעצעמבער 1939, זייט 8.</u>

ס'האט אונדז אלץ ווייטער געיאגט, נישט געלאזט טרינקען קיין וואסער פון די טייכלעך. ווער ס'האט זיך א ביסל פארהאלטן, האט באקומען געשלאגן. ס'איז אלץ געלאפן. דער בודקער שוחט איז געווען א געבראכענער, א מענטש פון 70 יאר, - האט ער אויך געמוזט לויפן.

פארנאכט זענען מיר אריינגעקומען קיין לאמזע - די שטאט איז שוין איינגאנצן חרוב געווען.

ס'האט געזאגט - מע יאגט אונדז קיין דייטשלאנד. ביי מיר איז געווען באשלאסן אריינצווארפן זיך דא אין גארטן: דאס לעבן האט ביי מיר שוין נישט געהאט קיין ווערט. קומענדיק אויף עק דווארבע און געלעשינסקע גאס, האב איך זיך אפגעטיילט פון דער גרופע און בין אוועק: איך האב געהאלטן, ווען אפילו מען וועט מיך שיסן, איז אלץ בעסער. אבער צום גליק האב איך זיך ארויסגעראטעוועט.

וועגן דעם, וואס איז ווייטער געשען מיט די געטריבענע, האט זיך דער לערער ג. דערוווסט שפעטער. ער דערציילט וועגן דעם אזוי:

- דינסטאג דעם 19-טן סעפטעמבער האט מען זיי אוועקגעפירט קיין קאלנע, און פון דארט קיין שטשוטשין, גראיעווע, שטאבלאו בײַ קעניגסבערג. דארט האט מען זיי געגעבן מאטעריאל, געהייסן אויפשטעלן ביידלעך, אבער ווען די ביידלעך זענען שוין געווען פארטיק און מען האט שוין געוואלט אריינגיין אהין, האט מען אריינגעלאזט אהין בלויז די קריסטן. די יידן האט מען געהייסן בויען נייע ביידלעך, און אויך אין די - ווייטער זיי נישט אריינגעלאזט. ערשט ווען אלע קריסטן זענען שוין געווען באזעצט, האט מען אויך די יידן אריינגעלאזט.

צוויי נעכט האבן די יידן גענעכטיקט אין פעלד, אונטער א גאסרעגן. אין די ביידלעך איז געווען אנגעפאקט ווי הערינג. עסן האט מען געגעבן נאר ברויט (א האלב פונט א מעת-לעת) מיט א פאר זופ קאווע - איין שעלכל פאר פיר מענטשן. אזוי האט מען אלע געהאלטן איבער א וואך. א סך פון זיי זענען קראנק געווארן, צוויי זענען געשטארבן.

ביולעטען נומער 3, 15-טער דעצעמבער 1939, זייט 9.

נאך צען-צוועלף טעג האט מען אלע איינוואוינער פון לאגער ארויסגעלאדענט אויף פיך-וואגאנעס, געהאלטן א מעת-לעת פארשלאסן אין די וואגאנעס, דערנאך צוגע-שטעלט זיי צו דער גרעניץ פון ס.ס.ס.ר. ביי א ס ט ר א ל ע נ ק ע.

צעבראכענע זענען זיי מיט א צייט שפעטער געקומען צוריק קיין ל א-פ-ז-ע (נאכדעם, ווי די רוישע ארמיי האט פארנומען לאמזע). א סך פון זיי זענען געווען צעשאסן פון באנדיטן (צב"ש דעם לאמזער רבס זון לייבל שאצקעס).

ררררררררררררררררר

ב ר א נ ס ש י ס (..................)
(א דארף ביי סט. לאכאוו, וועגגראווער קרייז)

דערציילט: אונדז א יונגע פרוילן ב., וועלכע איז געלאפן פון מ י ש נ י ץ (אסטראלענקער קרייז) און ביים סוף פון איר וואנדערונגען איז זי אנגעקומען חול-המועד-סוכות אין א דארף ב ר א נ ס ש י ק (לעבן לאכאוו):

קיין ב ר א נ ס ש י ק זענען צוגליך מיט אונדז אנגעקומען יידן פון פ ו ל ט ו ס ק, כ ו ז ש א ו, ד ל ו ג א ש א ד ל ע, ג א ו ו א ר א ו ו ע. דאס זענען אלץ געווען פליטים, וועלכע די דייטשן האבן געהייסן אין משך פון 5 מינוט פארלאזן זייערע שטעט. די דייטשע וואכן האבן אויסער דער שטאט אלעמען אויסגעשטאן קאמפלעט נאקעט, צוגענומען בײ זיי אלץ און געטריבן ווייטער: "זא בוגעם! זא בוגעם! צום רוסן!"

אין פרוי פון פ ו ל ט ו ס ק האט דערציילט: זי איז פונקט געווען אין גאס, אין שטוב האט זי געלאזן א יאריק קינד. האט זי זיך געבעטן ביי די דייטשן: לאזט מיר ארויסנעמען דאס קינד. האט מען זי ניט געלאזט מיטנעמען דאס קינד, געטריבן ווייטער.

די דייטשן האבן געמאלדן: אלע יידן וועלן פון ב ר א נ ס ש י ק מוזן אוועק.

ביי די איינציקע 4 ארטיקע יידן, ארעמע עפל-הענדלער, האבן די דייטשן כסדר גערויבט.

נאך סוכות זענען מיר אוועק ווייטער אין וועג: אלע האבן געמוזט פארלאזן דאס דארף. מיר זענען געקומען אין א שטעטל פ א ר ע מ ב י ס. מאנטאג דעם 9-טן אקטאבער האבן מיר זיך געלאזט אויפן וועג קיין ס ט ר א ו - מ א ז.

אנגעקומען, געטראפן דא א שרעקלעכן בילד, אלע יידן האבן שוין דא געהאט פארלאזט די שטאט, דארטן זענען געווען דייטשן. צו די ארטיקע יידן האבן די דייטשן געמאלדן: אז רעכט קענען זיי דא פארבלייבן, נישט צו ארבעטן נישט צו האנדלען.

צוויי קילאמעטער פון דאנען איז געווען די רוסישע גרעניץ. דינסטאג דעם 10-טן אקטאבער איבערדערפרי זענען מיר צוגעקומען צו דער גרעניץ, די דייטשן האבן ~~...~~ ביי אונדז אלץ צוגענומען, אפילו א שטיקל זייף, פרבע פעטערס האבן נאך באקומען פעטש.

ב ת ב ר א ק (________)
(אסטראוו-מאזאוויעצקער קרייז).

דערציילט אונדז דער אדוואקאט ג., וועלכער איז ארויס פון ווארשע דעם 7-טן נאוועמבער 1939, ד"ה איבער א חודש נאכן אריינקומען פון די דייטשן:

- עס האט זיך אנגעהויבן א גרויסע עמיגראציע פון דייטשן געביט צו דער סאוויעטישער גרעניץ, צו ערשט פון יונגעלייט, און שפעטער פון סתם יידן, וועלכע האבן נישט געזען פאר זיך קיין שום צוקונפט. די עמיגראציע האט אנגענומען א מאסן-כאראקטער, אזוי ווי עס איז נאך נישט געווען קיין שום באן-קאמוניקאציע, האט זיך דער עולם געלאזט צופוס...

די דייטשן האבן רעווידירט די אלע פערזאנען, צוגענומען ביי זיי גאלד, זילבער, געלט, זילבערלעך, קליידער א.אז.וו. געווען פאלן, ווען מ'האט איבערגעלאזט כמעט ווי בארוועס און נאקעט. נאך א רעווידיע האט מען אומישנע פארסוויעט די קליידער - מען איינגעס צו א צעריסן; אמאל האט מען עס אוועקגעגעבן א פרעמדן קריסט, אדער אזא פערזאן, וואס מ'האט אנגענומען פאר א קריסט (מיט אן "אריש"ן "אויסזען").

איך בין געפארן קיין ב ר א ק אין אן אויטא, און דער עקזאדוס פון די יידן אויפן גאנצן וועג האט געמאכט אויף מיר אן אומגעהויערן איינדרוק: לענגאויס דעם גאנצן שאסי האט מען געזען יונגעלייט און מיידלעך, ס'רוב מיט רוקזעק אויף די פלייצעס, מיט שטעקנס אין האנט. געטראפן זיך אויך מענטשן אין די מיטעלע יארן; געווען דא וועגענער, פלאטפארמעס - אנגעשטאפט מיט מענטשן פון סעמיטישן אויסזען, צו 30 - 40 אין א וואגן. סיזענען אויך געפארן פריוואטע אויטאס און לאסט-אויטאמאבילן מיט "עמיגראנטן". סיהאט געמאכט דעם איינדרוק,

**בולעטין נומער 8, 15-טער דעצעמבער 1939, זייט 11.**

**ווי מ'האט די אלטע נאכגעיאגט; ווי א צוג, וואס האט זיך גערעכנט געהאלטן עבריי-**
**-א צוג פון מענטשן, פערד, אויטאס.**

א פאר קילאמעטער פאר ראדעווע איז אונדזער אויטא געווארן פארהאלטן דורך צוויי מיליטער-לייט, מיט געלע בענדער אויף דער לינקער האנט, מיט אן אויפשריפט "דויטשע וועהרמאכט". מע האט אונדז געשטעלט די סטעראטיפישע פראגע: "יודען? האבן זי געלט? האבן זי אוהרע?".

ביי מיר האבן די דייטשן ארויסגענומען פון דער האנט מיין זילבערן זייגערל, אבער ווייל דאס זילבער איז געווען אקסידירט און דאס גלעזל צעקלאפט, איז עס זיי נישט געפעלן געווארן, און זיי האבן זיך באגנוגנט מיט דער גאלדענער בראנזלעטע פון מיין שכנטע.

פיר - פינף קילאמעטער פאר בראק, ארום פינף נאכמיטאג - ס'איז שוין געווען פינצטערלעך - זענען פון דער לינקער זייט ארויסגעשפרונגען מיט א הילכיקן געשריי " האלט" 8 - 10 פאליציי-לייט, מיט שפיצרוטנס אין די הענט. די ערשטע פראגע איז נאטירלעך געווען "יודען?" אזוי ווי קיינער פון אונדזער אויטא האט נישט געענטפערט, האבן זיי אליין קוואליפיצירט די פאסאזשירן, באלויכטנדיק די פנימער מיט עלעקטרישע לעמפלעך. ביי די פערזאנען, וועלכע זיי האבן אנערקענט פאר נישט-יידן, האבן זיי איבערהויפט קיין שום רעוויזיע נישט דורכגעפירט. אקעגן, האבן זיי געמאכט א גענויע רעוויזיע ביי אלע אנדערע.

געווען צווישן אונדז א פאסאזשיר, וועלכער האט געהאט אן אריען אויסזען און אפילו א קאטוילישן טויף-צעטל. זיין פרוי - האבן די דייטשן פעסטגעשטעלט איז א יידישע. צום שלימזל האט מען נאך בעת דער רעוויזיע ביי איר געפונען א סידור, און דאס האט איינגאנצן ארויסגעבראכט פון די כלים די דייטשן; זיי האבן דעם פאסאזשיר שטארק געמוסרט: סטייטש, ווי קומט עס צו א פאליאק און דערצו נאך א קאטויל - ער זאל חתונה האבן מיט א יידישע פרוי... אז דעם פאסאזשיר האבן די דייטשן שטארק רעווידירט, צוגענומען ביי אים זיין [illegible] זייגערל, דאס קאפל, דאס גאנצע געלט - נישט געלאזן אפילו די "געזעצלעכע" צוואנציק זלאטעס. זיי האבן אים צוגענומען א פאר שטיקלעך זייף און דאס ביסל זיסוואַרג - שאקאלאד, צוקערלעך וועלכע מיר האבן געהאט אין אויטא.

דערװײַל איז אנגעקומען א גרויסע פלאטפארמע מיט נײַע פאסאזשירן, און אויך א ביסל מענטשן צו פוס. מ׳האט זײ אלע פארהאלטן, אונדז װידער האט מען באפוילן אויסצודרײען אונדזער אויטא מיט די לאמפן קעגנאיבער דעם דײַטשן אויטא, און אין ליכט פון בײדע אויטאס איז פארגעקומען די רעװיזיע פון די נײַ-אנגעקומענע.

מ׳האט מענטשן אויסגעטאן און איבערגעלאזט זײ אזוי װי אדם און חוה זענען ארומגעגאנגען. מ׳האט אויסגעדרײט די ארבל פון די רעקלעך, ארויסגע-צויגן די פארשטעקטע פון די קעשענעס; מ׳האט בשעת דער רעװיזיע געװארפן דא װעש און קלײדער אויף דער ערד גלײַך אין בלאטע. באזונדער גענוי האט מען אדורכגעפירט די רעװיזיע איבער די פרויען. אונדז איז אויסגעפאלן, לײדער, צוזוען אין אט די מאמענטן נאקעטע פרויען, ארומגערינגלט דורך מונדיר-טע פאליצײ-לײַט, מיט ביקסער אין די הענט. אײן פרוי האבן די דײַטשן אפגע-פירט צו זיך אין ~~[illegible]~~ אויטא, - כ׳װײס נישט, װאס זײ האבן איר געטאן, אבער עס האט זיך געהערט פון דארט איר געװײן.

אין דעם איז אנגעקומען אן אנדער אויטא מיט פאסאזשירן. די דײַטשן האבן אונדז דעמאלט באפרײַט פון אסיסטירן בײַ דער נײַער רעװיזיע, און מיר זענען פאראליש צעבראכענע און דערשלאגענע, אװעקגעפארן קײן ב ר א ק.

שפעטער איז קײן בראק ארײַנגעפארן דער װאגן, װעלכער איז מיט עטלעכע שעה צוריק געקומען אין װאלד פאר בראק, בשעת אונדזער רעװיזיע האט זיך שוין געהאט געענדיקט דא. צװישן די פאסאזשירן פון דעם דאזיקן ~~[illegible]~~ װאגן האט איצט געהערשט א הײטערע שטימונג. - נישט געקוקט דערויף, װאס דער ייִדישער פורמאן פונעם װאגן האט באקומען קלעפ פון די דײַטשן מיט זײַן אײגענער ביקס, װעלכע זײ האבן אויף אים צעבראכן, און װאס אײנער פון די פאסאזשירן איז געװען שטארק צעשלאגן, אז ער האט זיך נישט געקענט רירן. די סיבה פון דעם הײטערקײט איז געװען אזעלכע: בעת דער רעװיזיע אויף דעם װאגן האבן די דײַטשן צוגענומען בײַ אלע פאסאזשירן צװײ טויזנט דרײַ הונדערט זלאטעס. אבער אײנע פון די פאסאזשירינס אין װאגן, א בלאנדע פרוי האבן די דײַטשן אנערקענט פאר א פױלישע, און זי אינגאנצן נישט רעװידירט, אװעקגעשטעלט אין א זײַט. צום סוף פון דער רעװיזיע האט אײנער פון די דײַטשע פאליצײ-לײַט דער דאזיקער בלאנדער "אריערין" אװעקגעגעבן די 2300 זלאטעס

און נאך א ביסל פון די חפצים, וועלכע ער האט געהאט אונטער דער האנט, ער האט איר דערביי צוגעווונטשן א גליקלעכע רייזע, הגם ער האט זיך שטארק [illegible] געוואונדערט, וואס זי פארט צוזאמען מיט די זשידעס און דערצו נאך קיין סאוויעט רוסלאנד.

אין דער פינצטערניש, ביים ליכט פון שוועבעלעך, האט שפעטער די "פוילישע פרוי" צוריק געציילט אלעמען דאס געלט, וועלכע דער דייטש האט איר געשאנקען, און געפונען איז געקומען די הייטערע שטימונג.

דער עדות, אדוואקאט ג., האט זיך שפעטער דא געטראפן מיט צוויי פוילישע אינטעלי-גענטן, דעם ריכטער א. און דעם זון פון א לאדזער דירעקטאר ט. - האבן זיי דעם אדוואקאט ג. דערציילט וועגן גרענעץ-פונקט ב ר א ק אזא געשיכטע:

- זיי ביידע זענען מיט א טאג פריער געווען אין ב ר א ק עדות פון אזא שרעקלעכע סצענע: די דייטשן האבן געבראכט צו שלעפן צום טייך בוג 20-25 יידישע פרויען, האבן צוזאמענגעטריבן פון שטעטל דעם גאנצן פוילישן ערב-רב, אויסגעטאן די יידישע פרויען נאקעט, אריינגעשטופט זיי אין וואסער אריין, זייער פעט צעווארפן איבערן גאנצן ברעג און שפעטער דאס ארומגעשטאנענע צעיבן ערב-רב, וועלכער האט די פעט געכאפט... די גאנצע סצענע האבן די דייטשן פאטאגראפירט.

ווי ס׳האט מיר דערקלערט דער הער ט. - גיט צו דער אדוואקאט - האט די פאטאגראפיע געדארפט דינען אלס בילד, ווי די פאליאקן טראקטירן די יידן און באראבעווען זיי. אויב איך בין זיך נישט טועה, האב איך וועגן דעם איינענעם פאל געהערט אויך פון אנדערע פערזאנען.

-----------------

זאל דא פארצייכנט ווערן אויך אזא פאקט, וואס איז אן אויסנאם אין זיין ארט.

עס זיצט פאר אונדז א בחור פון 19 יאר, א יונגסלעכער ארבעטער פון לאדז, און דערציילט זיינע טראגישע איבערלעבענישן פון די מלחמה-טעג און שפעטער:

ווען ער איז צוזאמען מיט זיינע עלטערן ג ע ל א פ ן פ ו ן ל א ד ז ש, האט א באמבע פון אן אעראפלאן געטראפן אין דער מוטער, און זי דערהרגעט אויפן ארט.

-"עס איז אונדז געלונגען, דערציילט דאס דאזיקע אומגליקלעכע ינגל -אויסצוזוכן די טיילן פון איר קערפער, און מיר האבן זי צו קבורה, געבראכט".

שפעטער האט זיך דער פאטער מיטן זון צוריק אומגעקערט קיין לאדזש; אבער נאך א געוויסער צייט, אונטערן איינדרוק פון די פלאגעניישן פון די לאדזשער ייִדן, זענען זיי אוועק פון לאדזש און זיך געלאזט צו דער רוסישער גרעניץ.

-"מיר זענען געקומען קיין ווישקאוו. - דערציילט דער יוגנטלעכער ל., - דארט איז פאראן א בריק איבערן בוג. צוגעקומען צו דער בריק, האבן מיר דערזען א דייטשע וואך. די דייטשן האבן צו אונדז גערופן: "שטיין בלייבן!" דערנאך אונדז אויסגעפרעגט, צי מיר זענען ייִדן, ווער איך בין. פון מיר האט מען אראפגענומען אלץ, וואס איך האב געטראגן - א נייעם אנצוג, נייער פאלטן, שיך, און מ'האט מיר צוגעווארפן אלטע זאכן, איך זאל אנטאן.

נאך דעם האבן זיי אפגעפירט דעם פאטער א 10 טריט פון דער בריק, געהייסן אים אויפהויבן די הענט אין דער הויך און זיך אויסדרייען מיטן פנים אהין צוריק. איינער פון די 8 זעלנער פון דער וואך האט אויסגעשאסן 2 מאל, און מיין פאטער איז געפאלן. ער האט נאך געזשיפעט און האט מיך גערופן צו זיך, אבער באלד האב איך דערהערט: "שטיין בלייבן!" ווען איך וועל זיך דערנענטערן - וועלן זיי שיסן. מ'האט מיר געהייסן לויפן, און איך האב זיך געמוזט לאזן לויפן.

לאנג בין איך געלאפן. ענדלעך האב איך געפרעגט א פויער, ווי קען מען דא צוקומען צו דער רוסישער גרעניץ, אויסמיידנדיק די דייטשן. דער פויער האט מיר געוויזן דעם וועג צום דארף שיעראָסינעץ: דארט איז שוין די רוסישע גרעניץ.

אן אכט קילאמעטער בין איך אזוי געגאנגען ווייטער, נישט געוווּסט ווו איך בין. האב איך באמערקט א כאטקע, צוגעקומען, געעפנט די טיר - און דערזען א דייטשן זעלנער. איך האב געבעטן ביי דער פויערטע א ביסל וואסער צום טרינקען. האט זי געענטפערט: נישטא! - און איך בין אוועק פון דאנען.

באלד אבער האט זיך באוויזן דער זעלביקער דייטשער זעלנער און מיך גערופן

ביאַליסטאָק גופער 8, 15-טער דעצעמבער 1939, זייט 15.

צוריק. ער האט געפרעגט: "יודען?" און דערהערט מיין מאַנישטין ענטפער, האט ער מיר געהייסן גיין נאָך אים, און געבראַכט צו א גרעסער שטוב, וואו עס איז שוין געווען א גרעסערע גרופע פון א מאן 15 דייטשע זעלנער.

דאס איז געווען א שאָן שטוב. די זעלנער האבן מיט מיר אנגעהויבן רעדן אין א געבראָכענעם פויליש. דאס זענען געווען חברה פון עטלעכע און צוואנציק יאר; איך האב זיך שפעטער דערוואוסט: דער גרעסטער טייל פון טשעכאָסלאָוואַקיי. זיי האבן געפרעגט, פונוואנען איך קום, און צי איך גיי צו די רוסן. איך האב זיי דערציילט, וואס איך האב ערשט האט איבערגעלעבט.

און דאן האב איך צו מיין דערשטוינונג דערהערט פון זיי אזעלכע רייד: איך זאל נישט מורא האבן. יענע דייטשן ביי דער בריק – דאס זענען אמת שטורמיסטן. "מיר זענען אנדערע. מיר וועלן עס דא אויסראטן. מיר וועלן זיך איינגליכן זען מיט דיר ביי די רוסן. מיר וועלן נאך דא מאכן א רעוואלוציע".

זיי האבן אנגעהויבן צו זינגען און טאנצן. זיי האבן צווישן אנדערע לידער געזונגען אויך דעם "אינטערנאציאנאל". זיי האבן מיך געפרעגט, וועלכע לידער איך האב געזאגט: איך קען נאר יידישע לידער; האבן זיי מיך געהייסן זינגען יידישע לידער. זיי האבן אויך מיר געשלעפט טאנצן.

זיי האבן געזונגען "דויטשלאנד איבער אלעס", אבער צום סוף צוגעגעבן "אבער דאס וועט זיין א קאָמוניסטיש דייטשלאנד. היטלערן וועלן מיר אומברענגען". "עס וועט קומען א צייט און מיר וועלן פטרן אט די אלע היטלעריסטן, דאס קוילעגן אזוי מידן. ווען מיר וועלן געקענט, וואלטן מיר איבערגעגאנגען צו דער בריק, און מיר וואלטן זיך אפגערעכנט מיט יענע היטלעריסטן.

זיי האבן מיר ווייטער געזאגט: איך זאל נישט זארגן, עס וועט נאך זיין גוט, עס וועט קומען די צייט – און מיר וועלן זיך זען ביי די רוסן.

א צווייטע שעה האט מען אזוי פארבראַכט, און זיי האבן מיר געהייסן זיך לייגן שלאפן. זיי האבן אריינגעבראַכט שטרוי, מיר אויסגעבעטן, מיר געגעבן אפריער עסן קאנסערוון, טרינקען קאווע. אינדערפרי אויף מארגן האבן זיי מיר געמאכט פרישטיק און געזאגט:

__בולעטין נומער 3, 15-טער דעצעמבער 1939, זייט 16.__

„וואַרט צו ביז צען אזייגער, מיר וועלן דיך צופירן צו דער רוסישער גרענעץ, מיר ווייסן, וועלן די רוסישע שטיין – און ווען בישט"אזוי" איז פאקט געווען, זיי האבן מיך איבערגעפירט, געזעגנט זיך מיט מיר און ווידער געזאגט: __זיי וועלן זיך נאך איבערזעען מיט יענע, עס וועט לאנג נישט געדויערן.__

-.-.-.-.-.-.-.-.-.-.-.

-.-.-.-.-.-.-

.-.-.